בעזהשי"ת

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# פניני השבוע

## פרשת וירא

כיתה ב' (א-ב)

הר"ר מאיר חיים שישא הי"ו

הר"ר משה ברוך כץ הי"ו

# אינהאלט פון די וואך

**וירא אליו ה'**

אברהם אבינו איז געווען קראנק און דער אייבישטער איז אים געקומען מבקר חולה זיין אין אין אלוני ממרא די דריטע טאג פון ווען ער האט זיך גע'מל'ט, און פארוואס דווקא ביי ממרא ווייל ער האט אים געגעבן א עצה זיך צו מאכן א ברית, עס איז געווען וואס האבן געזאגט אז ער זאל נישט מאכן די ברית, וויבאלד ער איז געווען ניין און נייינציג יאר אלט און אויב ער וועט זיין קראנק איז עס א סכנה, און ממרא האט אים געזאגט אויב דער אייבישטער האט דיך געראטעוועט פון די מלחמה מיט די קעניגן דארפסטו מאכן די ברית אז אלע זאלן זעהן אז דו פאלגסט וואס דער אייבישטער האט דיר געהייסן, און אברהם האט טאקע געטוהן אזוי ווי ממרא האט אים געגעבן די עצה, דעריבער האט דער אייבישטער זיך באוויזן צו אים ביי ממרא.

**מצות הכנסת אורחים**

אברהם אבינו האט זייער ליב געהאט צו מקיים זיין די מצוה פון הכנסת אורחים, ער האט געהאט ביי זיין געצעהלט פיר טיהרן כדי די געסט זאלן קענען אריינגיין פון אלע פיר זייטן צו זיין געצעהלט.

אין דעם טאג וואס דער אייבישטער איז געקומען מבקר חולה זיין אברהם אבינו האט דער אייבישטער ארויס גענומען די זון פון איר האלטער כדי ס'זאלן נישט קומען קיין געסט אים צו מטריח זיין, אברהם אבינו איז געזיצן ביי די טיהר פון די געצעהלט און האט געווארט אויף געסט, אפשר וועלן אריבער גיין דארט מענטשן און ער וועט זיי קענען אריינעמען אין שטוב.

ווען דער אייבישטער האט געזעהן אז אברהם אבינו האט צער אז עס קומען נישט קיין געסט, האט דער אייבישטער געשיקט דריי מלאכים מיכאל, גבריאל, און רפאל אין א געשטאלט פון מענטשן.

גלייך ווען אברהם האט זיי געזעהן איז ער געלאפן אקעגן זיי, אברהם האט געבעטן רשות פון דער אייבישטער זיי אריינצונעמען אין שטוב, און מ'לערנט ארויס פון דעם אז מצות הכנסת אורחים איז גרעסער פון קבלת פני השכינה, ווייל אברהם אבינו האט איבער געלאזט דעם אייבישטער און איז געגאנגען אויפנעמען די געסט.

שרה האט געבאקן קיכעלעך, און אברהם האט אנגעגרייט דריי צינגען פון פיינע ווייכע רינדער און האט עס געגעבן פאר ישמעאל אז ער זאל אים העלפן עס צוצוגרייטן כדי אים צו מחנך זיין צו טוהן מצוות.

אברהם אבינו האט געבעטן פאר די מלאכים זיי זאלן זיך אפוואשן זייערע פוס ווייל זיי האבן אויסגעקוקט אזוי ווי אראבער'ס און אברהם האט מורא געהאט אז זיי ביקן זיך צו די שטויב פון זייער פוס.

אברהם האט זיי געזעצט אונטער די בוים און די מלאכים האבן זיך געמאכט אזוי ווי זיי עסן, און די מלאכים האבן צוגעזאגט פאר שרה אז פונקט אין א יאר ארום ווען די זון וועט אנקומען פונקט אויף די פלאץ וועט אים געבוירן ווערן א קינד.

<u>**מהפיכת סדום**</u>

די מלאכים האבן ממשיך געווען צו גיין קיין סדום, איין מלאך איז געגאנגען ראטעווען לוט, און איין מלאך צו איבער דרייען סדום.

מיר האבן פארציילט ווי אזוי די מענטשן פון סדום האבן זיך אויפגעפירט מיט רשעות אויב ס'איז געקומען א גאסט א נידעריגער מענטש האט מען אים אריין געלייגט און גרויסע בעט און מ'האט

אים געשלעפט די פוס, און א הויכער מענטש האבן זיי אריין געלייגט און א קליינע בעט און מ'האט אים אפגעשניטן זיינע פוס.

דער אייבישטער האט געזעהן די שלעכטע מעשים וואס די מענטשן פון סדום האבן געטוהן, און האט געשיקט די מלאכים זיי זאלן איבער דרייען סדום, און נאר לוט איז געראטעוועט געווארן אין זכות פון אברהם, דער מלאך האט זיי געזאגט אז זיי זאלן גיין און זיי זאלן נישט קוקן אויף צוריק ווי אזוי סדום ווערט איבער געדרייט, אבער די פרוי פון לוט האט יא אויסגעדרייט איהר קאפ כדי צו זעהן ווי אזוי די שטאט סדום ווערט איבער געדרייט, און זי איז גלייך באשטראפט געווארן און זי איז געווארן א שטיק זאלץ, עס איז אויך געווען אלץ א שטראף ווייל זי האט נישט געוואלט געבן זאלץ פאר די געסט ביי די סעודה.

## <u>לידת יצחק</u>

יצחק איז געבוירן געווארן פונקט א יאר דערנאך, און שרה האט נישט געוואלט אז יצחק זאל זיין צוזאמען מיט ישמעאל, און זי האט געזאגט פאר אברהם אז ער זאל אוועק שיקן ישמעאל פון זיין שטוב, און דער אייבישטער האט געזאגט פאר אברהם אז ער זאל טוהן אלעס וואס שרה האט געזאגט, און אברהם האט טאקע אזוי געטוהן און ער האט אוועק געשיקט ישמעאל.

## <u>עקידת יצחק</u>

דער אייבישטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו אז ער זאל מקריב זיין זוהן יצחק פאר א קרבן פאר דער אייבישטער, און דאס איז געווען די צענטע נסיון וואס דער אייבישטער האט אויספראבירט אברהם אבינו, און אברהם האט טאקע אזוי געטוהן און ער איז אויפגעשטאנען פריה פארטאגס און ער האט גענומען יצחק און איז געגאנגען בשמחה אים צו מקריב זיין פאר א קרבן.

אינמיטן די וועג האט דער יצר הרע געשטערט פאר אברהם, און ער האט געמאכט א גרויסע ים אינמיטן וועג אז אברהם אבינו זאל נישט קענען אריבער גיין, און אברהם איז אריין אין די וואסער און עס איז אנגעקומען ביז צו זיין האלז, און ער האט מתפלל געווען פאר דער אייבישטער און ער איז אריבער די טייך בשלום, און ער איז ווייטער געגאנגען אויפן וועג ביז ווען ער איז אנגעקומען צו א גרויסע בארג און האט געזעהן א וואלקן אויף דעם, האט ער פארשטאנען אז אז ער דארף ארויפגיין אויפן בארג, און ער האט דארט געטראפן א מזבח און ער האט געוואלט מקריב זיין יצחק אויף דעם, און דעמאלטס איז ארויס א בת קול פון הימל און ס'האט געזאגט אז ער זאל נישט מקריב זיי יצחק, דער אייבישטער האט נאר געוואלט דיר אויספראבירן צו זעהן אויב דו וועסט טוהן וואס ער הייסט.

אברהם האט אויפגעהויבן זיינע אויגן און האט געזעהן א ווידער און האט עס מקריב געווען אנשטאט יצחק, און אלס א זכר צו די עקידת יצחק בלאזט מען ראש השנה מיט א שופר פון א ווידער.

# שאלות מיט תשובות

**א. וועלכע סדרה גייט די וואך ?**

וירא.

**ב. פארוואס איז דער אייבישטער געקומען באזוכן אברהם אבינו ?**

ווייל ער האט זיך נישט גוט געפילט.

**ג. פון וואס האט ער זיך נישט גוט געפילט ?**

ווייל ער האט זיך געמאכט א ברית.

**ד. ווען איז דער אייבישטער אים געקומען באזוכן ?**

די דריטע טאג פון די ברית.

**ה. ביי וועלכע פלאץ האט אים דער אייבישטער באזוכט ?**

אין אלוני ממרא.

**ו. און פארוואס אין אלוני ממרא ?**

ווייל ממרא האט אים געגעבן א עצה אז ער זאל מאכן די ברית.

**ז. וויפיל טירן האט אברהם געהאט ביי זיין געצעלט ?**

פיר טירן.

**ח. און פארוואס ?**

כדי ער זאל קענען זעהן אויב עס גייען אריבער מענטשן און ער וועט זיי אריין רופן ביי זיין שטוב צו מאכן די מצוה פון הכנסת אורחים.

**ט. וואס שיקט דער אייבישטער פאר אברהם ווען ער זעהט אז ער איז זיך מצטער ?**

דריי מלאכים פארשטעלט פאר מענטשן רפאל גבריאל און מיכאל.

**י. וואס האט מען אנגעגרייט פאר די געסט?**

שרה האט געבאקן קיכעלעך, און אברהם האט אנגעגרייט דריי צינגן פון אקסן.

**יא. וואס דערציילט א מלאך פאר אברהם און שרה ?**

אז זיי וועלן האבן א קינד.

**יב. וואס איז געווען פון די שלעכטע זאכן פון די מענטשן פון סדום ?**

אויב ס'איז געקומען א גאסט א נידעריגער מענטש האט מען אים אריין געלייגט און גרויסע בעט און מ'האט אים געשלעפט די פוס, און א הויכער מענטש האבן זיי אריין געלייגט און א קליינע בעט און מ'האט אים אפגעשניטן זיינע פוס.

**יג. וואס איז די פרוי פון לוט געשטראפט געווערן ווען זי האט זיך אויסגעדרייט קוקן?**

זי איז געווערן א שטיק זאלץ.

**יד. פארוואס פונקט זאלץ ?**

ווייל זי האט נישט געוואלט געבן זאלץ פאר די געסט.

**טו. פארוואס האט שרה פארטריבן ישמעאל ?**

ווייל זי האט נישט געוואלט אז יצחק זאל זיך חבר'ן מיט ישמעאל.

**טז. וואס לערנט מען ארויס פון דעם ?**

אז מ'טאר זיך נישא חבר'ן מיט שלעכטע חברים.

**יז. וואס איז געווען די צענטע זאך וואס דער אייבישטער האט אויספראבירט אברהם ?**

דער אייבישטער האט אים געהייסן אז ער זאל מקריב זיין באליבטע זוהן יצחק פאר א קרבן עולה.

**יח. און אברהם האט געפאלגט דער אייבישטער ?**

יא, ער איז אויפגעשטאנען גלייך צופרי.

**יט. ווער האט געשטערט פאר יצחק צו גיין ?**

דער שטן.

**כ. ווען האט אברהם געשחט'ן, און פארוואס ?**

א ווידער, ווייל ס'איז ארויס א בת קול פון הימל אז ער זאל נישט שחט'ן יצחק.

**כא. וואס טוט מען ראש השנה צו געדענקן די עקידת יצחק ?**

מ'בלאזט מיט א שופר פון הערנער פון א ווידער.

# - כולל ענינים -

## סימן ה. נקיות זויבערקייט

א) נקיות-זויבערקייט איז פון די וויכטיגסטע און חשוב'סטע זאכן ביי א איד. די וועלט זאגט: א ריינע גוף. איז א ריינע נשמה.

ב) אויסער דעם חלק זויבערקייט, וואס ווערט ערקלערט אין פרק דרך ארץ, איז זויבערקייט פארבינדן מיט פארשידענע הלכות, ווי למשל הלכות נטילת ידים, אויב די הענט זענען נישט ריין, ווערט געשטערט דאס וואשן און מען איז נישט יוצא, וויל דאס איז א חציצה.

ג) א ספעציעלע וויכטיגקייט האט די נקיות פונעם קערפער, וועגן זאגן א "אידיש ווארט", א דבר שבקדושה, ווי דאס ווערט ווייטער ערקלערט.

ד) נקיות מיינט די זויבערקייט פונעם קערפער, קיין שום טייל פונעם קערפער זאל נישט זיין שמוציג און פארשמירט, (מיט קיין שום קערפער אפפאל [צואה]).

ה) עס איז וויכטיג אז דער קערפער זאל זיין ריין נאכ'ן ארויסגיין אויף מענטשליך באדערפעניש, מען טער דאס נישט נעמען פאר לייכט, ווייל מען טאר נישט זאגן א דבר שבקדושה, א "אידיש ווארט", ווען מען איז נישט אינגאנצן ריין. אינגאנצן ריין מיינט, אז עס זאל זיך נישט דערקענען אויפן פאפיר מיט וואס מען רייניגט זיך דערמיט דאס מינדעסטע צייכן פון שמוץ (פון קערפער אפפאל).

ו) עס קען זיין חלילה שטארק פארדריסליך אז מען וועט קומען אויף יענער וועלט מיט'ן געדאנק אז מען האט טויזנטער תפלות און הונדערטער טויזנטער ברכות, און עס וועט זיך ארויס שטעלן אז מען פארמאגט קוים עפעס, ווייל מען איז נישט געווען ריין, און נאך ערגער דערפון וועט זיין, אז מען וועט גאר באשטראפט ווערן פאר'ן דערמאנען ברכות און דעם

הייליגן נאמען פון השי"ת, מיט אן אומריינעם קערפער. עס וועט געפאדערט ווערן א חשבון פאר עסן אן ברכות, פאר נישט בענטשן און נישט דאווענען א.א.וו.

ז) מען דארף אכטונג געבן אז די קליידער זאלן זיין ריין, נישט זיין פארשמירט פון קערפער אפפאל, ווי אויך פון אנדערע זאכן וואס האבן א שלעכטן גערוך, אויך דאס פלאץ וואו מען זאגט דעם דבר שבקדושה, וואו מ'לערנט אדער מ'מאכט א ברכה וכדו' דארף זיין ריין, עס זאל זיך דארט נישט געפונען קיין שמוץ פון קערפער אפפאל אדער אנדערע זאכן וואס געבן ארויס אן שלעכטן גערוך.

ח) אויב איינע פון די דערמאנטע זאכן פעלן, דאס הייסט אויב דער קערפער, אדער די קליידער, אדער דאס ארט איז נישט ריין, איז א שאלה אויף די ברכות וואס זענען דארט געזאגט געווארן, און עס איז גאנץ מעגליך אז די ברכות זענען לבטלה, און עס קען אפילו זיין אז מ'וועט דארפן נאכאמאל איבער דאווענען. [אין ספר עת לעשות (חלק א, שאלה יב, אות י"ב, דף ס"ו), שטייט א וויכטיגע באמערקונג פון דעם, ס'איז וויכטיג דאס צו זעהן אינעווייניג].

ט) מען טאר נישט זאגן א "אידיש ווארט", א דבר שבקדושה אין א "באדע-צימער", אדער א בית הכסא, א בריכה א.ד.ג.

י) אויב מ'פילט אז מען דארף ארויס גיין, טאר מען נישט זאגן א דבר שבקדושה. און סתם אזוי איז דא א איסור זיך צו איינהאלטן, און דאס שאדט אויך צום געזונט, (שו"ע או"ח סימן ע"ו, מער איינצלהייטן).

יא) אין יאר תרכ"ט ביי די היסטארישע טיילונג ווען די ערליכע אידן האבן זיך אפגעטיילט פון די רעפארמער, האבן די פושעים זיי גע'מסר'ט פארן קעניג אז זיי מאכן א מחלוקת צווישן אידן, און זיי האבן געוואלט באווייזן אז אונזער הייליגער שולחן ערוך איז ח"ו נישט פאסיג זיך צו פירן דערמאנטע הלכות וועגן זויבערקייט, וואס דאס איז ביי אונז אידן אזוי

הייליג און טייער פונקט ווי דער גאנצער שולחן ערוך. האט דער גוי'אישער קעניג פראנץ יאזעף דעמאלס געזאגט, "א פאלק וואס האט אזעלכע איידעלע געזעצן אפילו ווי אזוי זיך צו פירן אין בית הכסא, מוז זיין א געהויבן ערליך פאלק" ער האט אלע בקשות נאכגעגעבן פאר ערליכע אידן, און די מוסרים האבן געהאט א מפלה. (די מעשה שטייט אין קוואל שנת תשל"ה)

## סימן ו. טהרה ריינקייט

א) טהרה איז א רוחניות'דיג ריינקייט, דאס פארקערטע פון (טומאה) טמא.

ב) א איד דארף האבן ריינע און הייליגע הענט. מען דארף זיך צו וואשן די הענט ווען מען קומט ארויס פון בית הכסא, פון באדע-צימער, פון בריכה, ווען מען שערט זיך אפ די נעגל, אז מען רירט אן די שיך, אדער אז מען רירט אן די פלעצער אין קערפער וואס דארף זיין צוגעדעקט, אדער אז מען קראצט זיך די קאפ.

אויך איז גלייך זיך צו וואשן די הענט מען פוצט זיך די נאז אדער אויערן מיט די בלויזע הענט.

ג) אפילו ווען די הענט זענען אינגאנצן ריין אזיווי פריער, און אפילו מען האט זיך פונקט פארדעם געזייפט די הענט, דארף מען זיך אויך וואשן די הענט געהעריג נאך די אויבנדערמאנטע זאכן, וועגן טהרה.

ד) א איד דארף אלעמאל צו האבן געוואשענע הענט, איבערהויפט אז מען מאכט א ברכה, מ'בענטשט אדער מ'ליינט קריאת שמע, אדער אנדערע הייליגע ווערטער וואס מען רעדט צו השי"ת.

ה) אויך זאל מען אכטונג געבן צו זאגן אשר יצר אלעמאל ווען מען דארף, דערמיט לויבט מען השי"ת אז מען קען עסן געהעריג, דאס עסן ווערט פארדייט אין מאגן, דאס ברענגט געזונט און כח פאר'ן מענטש, און דאס אפפאל גייט ארויס, און דער קערפער ווערט גערייניגט.

# שאלות אויף כולל ענינים

**א. וואו טאר מען נישט זאגן א ברכה אדער אנדערע הייליגע זאכן ?**

אין בית הכסא, אין באדע-צימער, אין בריכה.

**ב. ווען דארף מען זיך אפוואשן די הענט ?**

ווען מ'קומט ארויס פון בית הכסא, פון באדע-צימער, פון בריכה

ווען מ'שערט זיך די נעגל

ווען מ'רירט אן די שיך

אדער ווען מ'רירט אן די צוגעדעקטע פלעצער

אדער מ'קראצט זיך די קאפ, א.א.וו.

**ג. וועלכע ברכה מאכט מען ווען מ'קומט ארויס פון בית הכסא ?**

אשר יצר.

**ד. אויף וואס דאנקט מען דעם אויבערשטן ביי די ברכה פון אשר יצר ?**

מ'דאנקט דעם אויבערשטן אז מ'איז געזונט.

# נא לגזור דף זה ולשלוח בחזרה לת"ת ביום ראשון

[illegible]

[illegible]

[illegible]

**בני ______________________ ני"ן**

**השיב על שאלות פרשת השבוע:** ______________________________

**שאלות על כולל הענינים:** __________________________________

**ברכת המזון:** ____________________________________________

**התנהגות כללית:** _________________________________________

**קר"ש שעל המיטה:** _______________________________________

**התפלל:** ________________________________________________

**הערות:** ________________________________________________

**חתימת ההורים** ________________________


**די קינדער האבן שוין באקומען**

# די נייע געבינדענע תהלים

**דער וואס האט נאכנישט געשיקט**
**זאל ביטע שיקן 120 ₪**
**פאר די הוצאות פון די ווינטער זמן**